קונטרס

# יפה ירושתינו

משנת אדונינו מורינו ורבינו צדיק הדורות
נגמ"ח מוהר"ן מברסלב זצוק"ל
מפי
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שכטער** שליט"א

**הילולת מוהרנ"ת זצוק"ל**

**אידיש**
מועתק מלשונו הזהב

קונטרס ח'
חודש טבת תשפ"ד לפ"ק

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל

**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**

איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**

אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**


לשמיעת המאמר מפי הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

718-586-5199

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: **yyryms1@gmail.com**


וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$

עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודאה בקול דורשי יחודך נומער 9, או לשלוח אימעל בבקשה


©

כל הזכויות שמורות



נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


"כִּי נָפַלְתִּי - קָמְתִּי" .......... א
המצב באחרית הימים שראה מורינו רבי נתן ברוח קדשו .......... ג
ביי אמונה און התחזקות זאלסטו נישט קארגן! .......... ה
המאמר האחרון שכתב מורינו רבי נתן בחייו .......... ח
"חנו"ן המרב"ה לסלו"ח!" .......... י
די עצה בעיקבתא דמשיחא: "האספו" .......... יא
"עַד מָתַי קֵץ הַפְּלָאוֹת?!" .......... יב
"וְלֹא נָסוֹג מִמֶּךָּ" .......... יד
תכלית הגילוי שנתגלה מתוך תכלית ההסתרה דייקא! .......... טו
זיך נאר דערמאנט אין די "זיבן און צוואנציג" קדושים... .......... טו
ארויסגעזויגן די גיפט מיטן מויל... .......... יז
אנשטאט א צווייטע 'מאה שערים' - ארויפגעצויגן א גרויסן קלויסטער רח"ל .......... יח
אונטער א שלייער פון מצוות .......... יט
פארוואס איז ער פריער נישט געקומען?! .......... כ
"אל תקרי 'בָּנָיִךְ' אלא 'בּוֹנָיִךְ'" .......... כא

# מאמר ח'

## הילולות מוהרנ"ת זצוק"ל – שנת תשנ"ד לפ"ק

נאמרה אצל מעמד סעודת הילולא רבתי של גאון עוזנו הרה"ק **מוהרנ"ת** זצוק"ל בשנת תשנ"ד באולמי "הקשת" בהשתתפות אלפי אנ"ש, משולב עם מעמד עידוד וחיזוק להחזקת ועד הפועל הרוחני למען ציון רבינו הקדוש והקלויז באומן - שנים ספורות אחר נפילת מסך הברזל כששערי הציון אך נפתחו לרווחת כלל אנשי שלומינו - חסידי ברסלב

לציין שאצל המעמד השתתף אז גם מרן גאב"ד ירושלים - הרמ"א פריינד זצ"ל וכידוע שרצה לכוון זמן הפעתו דייקא בעת שהגרי"מ שליט"א ידרוש, ותיכף אח"כ קנה ספה"ק 'ליקוטי הלכות'

### "כִּי נָפַלְתִּי – קָמְתִּי"

**"ימים על ימי מלך תוסיף"** עד ביאת משיח צדקנו און ווייטער[א]. בהורמנא כל הקהל הקדוש הזה. מען האט פריער דערמאנט און ארומגערעדט די גרויסקייט פון דעם הייליגן רבי נתן, אזא הייליגע נשמה וואס איז געווען אויף דער וועלט, אזויפיל געקאכט צום בורא עולם, אזויפיל אויפגעטון אויף דער וועלט, אזויפיל אורות מקבל געווען פון צדיק, משפיע געווען אויף דער וועלט ביז דער לעצטער מינוט ממש.

איך וויל דא דערמאנען נאר איין נקודה וואס דער עולם האט עס נישט דערמאנט, וואס איז כדאי דאס צו רעדן, די הארה פון רבי נתנ'ען.

---

**א.** כפי הנראה אמר כך על הגאב"ד זצ"ל.

עס שטייט אין פסוק אין מיכה[ב]: "**אַל תִּשְׂמְחִי אֹיַבְתִּי לִי, כִּי נָפַלְתִּי - קָמְתִּי, כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ - ה' אוֹר לִי**". די פסוקים דארטן רעדן זיך פון 'קץ הימים', אז דאס וועט כנסת ישראל דעמאלטס זאגן צום ס"מ אליין: "אל תשמחי אויבתי לי" – פריי זיך נישט מיין שונא "כי נפלתי", ווייל - "קמתי, כי אשב בחושך - ה' אור לי".

דער מדרש[ג] זאגט אויף דעם פסוק; "אמרו רבותינו: **מתוך נפילה - קימה!**

**'מתוך אפילה - אורה'!**

**'מתוך ריחוק - קירוב'!**

**'מתוך צרה - רווחה'!**"

- און נאך מורא'דיגע לשונות וואס די חכמים האבן געזאגט אויף דעם פסוק.

פון אלע דרושים און חידושים און דיבורים און שיחות וואס איז דא אין די אכט כרכים פון ליקוטי הלכות און אין ליקוטי תפילות און אין די מכתבים וכו', איז דא א נקודה עיקרית וואס רבי נתן גיט דאס ארויס 'מדבש צוף אמריו', דאס איז - חיזוק פאר אלע נשמות ישראל, פאר אלע צעקלאפטע, פאר אלע צובראכענע, פאר אלע פארטומלטע, פאר אלע מסובכים (- פארפלאנטערטע)!

ער רעדט אזעלכע דיבורים פאר אזעלכע נשמות, אויף וואס רבי נתן ברענגט אראפ אין ליקוטי הלכות[ד]: "**ועל זה צעק דוד: 'טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד'!**" פאר אזעלכע נשמות וואס האלטן אין איין

---

**ב.** ז, ח.

**ג.** מדרש תהלים - מזמור כ"ב: "כי נפלתי קמתי, כי אשב בחושך ה' אור לי". שנו רבותינו, מתוך כעס - רצון. ומתוך אפילה - אורה. ומתוך רוגז - רחמים. מתוך צרה - רוחה. מתוך ריחוק - קירוב. מתוך נפילה - קימה.

**ד.** הל' ברכת השחר ה"ה, אות מ"ד, וז"ל: וזה: (תהלים קלט) **"גם חושך לא יחשיך ממך ולילה כיום יאיר" וכו'**, וכתיב (מיכה ז): **"אל תשמחי אויבתי לי, כי נפלתי קמתי, כי אשב**

פאלן, פאר אזעלכע נשמות וואס "**גָּדַר בַּעֲדִי וְלֹא אֵצֵא**"[ה], דער בעל דבר האט זיי ארומגענומען, זיי קענען נישט ארויסגיין בשום אופן שבעולם, זיי האבן נישט קיין איין סברא על פי דרך הטבע ארויסצוגיין פון די שיני הס"מ און צו מקורב ווערן צוריק צום בורא עולם, פאר אזעלכע נשמות וואס "**בְּאֹרַח זוּ אֲהַלֵּךְ טָמְנוּ פַח לִי**"[ו], דער בעל דבר לאזט זיי נישט מקורב ווערן צו ה' יתברך.

דער הייליגער רבי נתן האט אראפגעגעבן מים חיים, תורת אמת וואס ער האט מקבל געווען פון דעם הייליגן רבין, תורה מסיני, צו מחזק זיין און צו מחיה זיין און מרומם זיין, ארויסצונעמען די נפשות פון אבדון און זיי מקרב זיין צום 'חי החיים', צום בורא עולם, "**לְהוֹצִיא מִמַּסְגֵּר אַסִּיר מִבֵּית כֶּלֶא יֹשְׁבֵי חֹשֶׁךְ**"[ז].

## המצב באחרית הימים שראה מורינו רבי נתן ברוח קדשו

עס ווייזט אויס אז רבי נתן האט געזען אז די נו"ן שערי טומאה וואס גייט אראפ בעיקבתא דמשיחא איז נישט נאר די תאוות מָרים

---

**בחושך ה' אור לי"**. והכל על ידי **תוקף הרצון שהוא עיקר קדושת הנשמה בשרשה** שנקראת בשביל זה נר, כי היא מאירה כמו נר ממש שמאיר בכל מיני חושך ... ובפרט מי שרוצה להתחיל ליכנס בעבודת ה' ולהתקרב באיזה התקרבות להשם יתברך, שכל מי שחותר ועוסק לנתק עצמו מהרע ולהתקרב אל הטוב, כמו כן מתגרים ומתגברים בו יותר ויותר, וכמו שאמרו רז"ל (סכה נב) 'כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו', וכמו שכתוב (תהלים קמב): "בארח זו אהלך טמנו פח לי". **ועל זה צעק דוד** (שם סט, ג)**: "טבעתי ביון מצולה ואין מעמד"** וכו'. וכתיב (שם פח): "שתני בבור תחתיות במחשכים במצולות" וכו', וכן הרבה. ועל כל זה עיקר העצה והתחבולה הוא התגברות הרצון דקדושה, שכשהאדם מתחזק איך שהוא בכל מה שעובר עליו לבלי להניח את הרצון דקדושה ולהתחיל בכל יום מחדש ברצונות חזקים חדשים להשם יתברך וכו', אזי הרצון דקדושה שהוא עיקר קדושת הנשמה כנ"ל מאיר לו כמו נר ממש שמאיר בכל מיני חושך שבעולם ... **ובפרט מי שרוצה להתקרב אליו יתברך ובהכרח שיעבור עליו כמה וכמה מיני חושך כמעט בלי שעור, וכל קיומו בכל מיני נפילות חס ושלום הוא על ידי הרצון**. עיין עוד הרבה מזה בספריו הקדושים.

**ה.** איכה ג, ז.

**ו.** תהלים קמב, ד.

**ז.** ישעי' מב, ז.

ומרורים אויף אלע סארטן אופנים ה' ירחם, וואס די נו"ן שערי טומאה איז שולט אויף דער וועלט, און נישט נאר די כפירות ואפיקורסות וואס איז דא אויף דער וועלט, נאר אויך דער תכסיס פון דעם בעל דבר - מייאש צו זיין א אידן אז ער קען נישט מקורב ווערן צו ה' יתברך! דאס איז אזא מין תכסיס וואס ער איז כובש מיט דעם - אז דער אויבערשטער זאל אפהיטן, ער איז מייאש מענטשן און ער ברענגט זיי 'לאבדון'.

אט דאס האט רבי נתן געזען, רבי נתן האט געוואוסט וואס עס טוט זיך, ער האט געוואוסט וואספארא סארט יאוש דער בעל דבר גייט אריינברענגען אין דער וועלט, און אויף דעם האט ער לוחם געווען, אויף דעם האט ער ארויסגעגעבן געוואלדיגע הארות צו מחיה זיין נפשות ישראל און זיי צו מחזיר זיין לאביהם שבשמים[ח].

איך קען אייך זאגן, דאס זאג איך נישט מתוך השערָה, דאס ווייס איך - עס איז בדוק ומנוסה, עס איז דא היינט יונגע בחורים און יונגעלייט וואס האבן נאך געקענט אפדינען דעם אויבערשטן פופציג יאר אויף דער וועלט מיט תורה און תפילה און קירבת אלקים, און דער בעל דבר ווארפט זיי אריין אין אזא מין סארט יאוש, מיט אזעלכע סארטן פלענער - ממש פון די נו"ן שערי טומאה, ערגער ווי א בעל עבירה'ניק פון אכציג יאר וואס ער האלט צוויי טעג פאר דער הסתלקות, דאס איז 'פשוטו כמשמעו'![ט]

**ח.** עיין כוכבי אור - ערך 'אנשי מוהר"ן' אות ט"ז: **ולא לחינם הרעיש עליו השטן ארץ ומלואה, כי גם הוא היה משיב כל ישראל בתשובה אם לא היו נתרחקים מאתו ומדיבוריו הנוראים**.

**ט.** עיין ליקוטי הלכות הל' קריאת התורה ה"ו, אות כ"ה: **כי אם תשכיל ותבין בענין הירידות והנפילות שעוברין על כל אחד**, עיקר נפילתו בדעתו של כל אחד הוא מחמת שנדמה לו בדעתו שכבר ניסה את עצמו והתחיל קצת בעבודת ה' ונפל מזה ואחר כך התחזק להתחיל עוד ונפל עוד הפעם וכן היה כמה פעמים, על כן מסיתו הבעל דבר ליאש את עצמו ח"ו לגמרי ואומר לו בלבו, הלא אתה רואה כי אפס תקוה וכו', **כידוע כל זה למי שעוסק בלימוד הקדוש הזה של התקרבות בני הנעורים לעבודת השם יתברך** ... **כי זה ידוע לכל שאפילו אם חטא כל ימיו ושב באחרונה מוחלין לו הכל**, כמו שאמרו רז"ל (קדושין מ),

## ביי אמונה און התחזקות זאלסטו נישט קארגן!

דער הייליגער רבי נתן האט אזויפיל מאמרים וואס מען קען ערשט נישט אויסרעכענען, עס איז נישטא די צייט און קיין כח צו מברר זיין אפילו א פרט פון א מאמר פון די חידושים וואס רבי נתן גיט פאר אט די נפשות, ממש 'טל תחיה', אז זיי זאלן אויך קענען ארויסגיין פון זייערע מצָרים און מקורב ווערן צום בורא עולם, זיי זאלן אויך קענען זאגן די ווערטער: "אל תשמחי אויַבתי לי, כי נפלתי - קמתי, כי אשב בחושך - ה' אור לי!".

עס איז דא אסאך דברים עקריים וואס רבי נתן האט גערעדט. רבי נתן צבי[י] האט פריער דערמאנט דעם ענין פון תורה; רבי נתן אליין

---

וכמבואר בכל ספרי מוסר. **וכן כבר נמצאו כמה בעלי תשובות בעולם שלא שבו בתשובה עד סוף ימיהם**, כי בודאי מי ששב בימי נעוריו אין למעלה הימנו, **אבל אם כבר נתרשל ח"ו ולא שב עד סוף ימיו, גם כן אשרי לו מה ששב בסוף ימיו על כל פנים**, אבל עיקר הנפילה בדעתו של הרבה בני אדם שכבר התחילו כמה פעמים ונפלו וכו', עיקר נפילתם הוא מחמת שראו שכבר התחילו כמה פעמים ונפלו, על כן רוצה הבעל דבר להסיתם ליאש את עצמו חס ושלום, **על כן צריכין לילך בדרך הנ"ל להתחיל מחדש באיזה בחינה שהוא וישכח מדעתו לגמרי כל מה שעבר עליו**. גם עיין שם הל' אונאה ה"ג, אות ב': **ובפרט בדורות הללו שרבים מישראל נפלו מאד עד שהם בעיניהם לאחר יאוש לגמרי**. ועליהם התנבא דוד המלך עליו השלום: **"טבעתי ביון מצולה ואין מעמד באתי במעמקי מים ושבלת שטפתני"**. כי על גלות הזה נאמר, "ותרד פלאים אין עוזר לה". וגודל הרחמנות שיש על אנשים כאלו שטובעים ביון מצולה ואין מעמד אין לשער, המקום ירחם עליהם. עיין גם שם הל' גביית חוב מהיתומים ה"ג, אות כ"ד בא"ד, וזל"ש: **כמו ששכיח זה הדבר מאד ברוב בני הנעורים** שעיקר מה שאובדין שני העולמות הוא **מחמת חלישות דעתם ויאושם** מחמת שרואין ריחוקם ונפילתם העצומה שמתגברת בכל יום יותר.

**י.** ה"ה **הגה"ח רבי נתן צבי** ב"ר ירחמיאל משה **קעניג ז"ל** ראה"כ ברסלב בני ברק, נולד לאביו רבי ירחמיאל משה ז"ל ביום י"ד סיון שנת ת"ש. עוד משחר ילדותו שקד על לימוד התורה ונודע כמתמיד עצום, ועסק בתורה שעות רבות מתוך הדחק. מספרים שבהיותו בגיל צעיר בן שמונה לערך, הגיע אל הרה"ק מבעלזא זי"ע, ולפני שעטף את ידו במטפחת [כמנהגו לחוץ את ידי הילדים שטרם הגיעו לגיל מצוות] הזדרז ר' נתן צבי לחוץ את ידו. והמשיך הרה"ק מבעלזא לאחוז בידו ואמר לאביו רבי ירחמיאל ז"ל: 'יודע אתה איזה אוצר יש בידך, לילד הזה יש נשמה חדשה'! התקרב לרביז"ל שנת תשי"ד לפ"ק כשראה את החסיד הנודע רבי שמואל שפירא ז"ל ועשה עליו רושם ואמר אני גם רוצה להיות חסיד של רבי שעושה כך מחסידיו. בפטירתו ציינו אנשי שלומינו ששבק חיים לכל חי' בפרשת נ"ח, ובשנה הנ"ח

איז געווען א מורא'דיגער מתמיד, ער האט אזויפיל אויפגעטון אויף דער וועלט - וואס ער האט אלץ דורכגעלערנט אין נגלות התורה!

אז מען וועט אויסרעכענען, קומט אויס, במשך דאס מאכן דעם ליקוטי הלכות אליין, האט ער דורך געלערנט אלע ארבעה שולחן ערוך'ס מיט אלע מפרשים![יא] (כמה פעמים).

אזוי אויך, אין דעם טאג פון דער הסתלקות האט ער געבעטן דעם ש"ך הגדול (- שולחן ערוך הגדולים). האט מען אים געזאגט: 'רבי, איר קענט דאך היינט יוצא זיין דעם "שולחן ערוך" - מיטן "באר היטב"?' (- שולחן ערוך הקטנים) [- ער האט דאך געהאט א צוואה פון דעם רבי'ן עס זאל נישט אריבערגיין קיין טאג אָן לערנען שולחן ערוך[יב]]. האט ער געזאגט: **"זייט מיר נישט אזוי געטריי!"**[יג].

אזויפיל דיבורים האט ער גערעדט וועגן תורה, אזויפיל דיבורים האט ער גערעדט וועגן תפילה, עס איך דאך ידוע, אזויפיל חיזוק וואס ער האט גערעדט וועגן דער אמונה הקדושה. דער הייליגער רבי האט דאך אים געזאגט[יד]: **"וואו דו קומסט צו שרייבן פון אמונה און פון התחזקות - זאלסטו נישט קארגן דיין פענע!"**[טו].

---

לחיו, וזכה להדפיס נ"ח ספרים, והיה בעל ח"ן מיוחד, והספרים הם על כל תחומי התורה, הן בנגלה והן עומק הסוגיות הש"ס ראשונים ואחרונים, ובד' חלקי שו"ע, והן בנסתר, וכן חיבר ספר 'תורת נתן' על ספה"ק 'ליקוטי מוהר"ן' על פי הסבריו של מוהרנ"ת זצ"ל בליקוטי הלכות, וכשחיבר הספר 'נופת צופים' על ספה"ק ליקוטי הלכות היה צריך לקשור את ראשו במטפחת רטובה שיכול לרכז את מוחו בעבודת הקשה. בשנת תשכ"ח לפ"ק יסד את כולל ברסלב ברחוב אלשיך בבני ברק, נלב"ע בפתע פתאום ז"ך תשרי שנת תשנ"ח למגינת כלל אנשי שלומינו, ובעיקר לגדולי אנ"ש שביכו את פטירתו זמן רב.

**יא.** עיין שיח שרפי קודש (ברסלב, החדש) ח"ב, אות תע"ג.

**יב.** עיין שיחות הר"ן אות כ"ט.

**יג.** הובא במכתב ההסתלקות [נדפס בסוף ספר עלים לתרופה] עיין שם.

**יד.** שיח שרפי קודש (ברסלב, החדש) ח"ב, אות קע"א.

**טו.** עיין באוסף מכתבים (ח"ג מכתב קנג) וז"ל: צריכים להתחזק בכל הכוחות של להכָּרֵת (נישט ווערן אפגעריסן) ח"ו מהשי"ת ומתורתו הקדושה, ומהצדיקים האמיתיים. וזה עיקר הנחת רוח

אַה! וואס רבי נתן האט גערעדט פון אמונה!

וואס רבי נתן האט גערעדט פון 'אמונת צדיקים'!

וואס רבי נתן האט גערעדט וועגן קדושה! וועגן דעם ענין פון שמירת הברית! - אזעלכע פייערדיגע דיבורים! - און נאך אזעלכע דברים עקריים.

אבער איינס פון די זאכן וואס איז אזויפיל בולט, איז דאס ענין פון מחזק זיין נפשות ישראל - 'זייט אייך נישט מייאש'!

'דער אויבערשטער דארף דיר'!

'יעדער איינער איז א חלק אלוקי ממעל'![טז].

---

לפניו ית"ש, שגושי עפר וקרוצי חומר אינם מתפתים למעדני העולם הזה ולתאוותיו ולהבליו החולפים, ומתחזקים בו ית' בכל הכוחות, ומתגברים על כל המניעות והבלבולים מפנים ומאחור ומכל הצדדים, וחיים תמיד באמונה בהשי"ת.

ורבינו הק' אמר לתלמידו הק' מוהרנ"ת שבכל מקום שהוא כותב מאמונה ומענין הצדיק [ומהתחזקות] בספריו הק' לא יחשוך על עטו (זאלסט נישט קארגן אויפן פֶען און שרייבן וואס מער). וכמו שרואין בחוש בליקוטי הלכות, וכידוע אצלינו ש'עטו של מוהרנ"ת הוא מוח של רבינו'.

**טז.** עיין פרפראות לחכמה על ליקוטי מוהר"ן סי' ו', וז"ל: **ומי שבקי קצת בספריו הקדושים של הר"ר נתן ז"ל**, והכיר אותו בחייו ושמע דבריו ושיחותיו הקדושים ובקי קצת בעניניו וסיבותיו אשר עברו עליו, יבין בלבו ויראה בעיני שכלו ממש כי היה מבחינה זו הנ"ל, **כי רוב דבריו המה מהתחזקות בעבודת ה' לבלי לייאש עצמו שום אדם מישראל רק כל אחד ממקומו ידרוש ויבקש את ה'** שזה בחינת בקי בשוב המבואר במאמר הנ"ל, שזה בחינת נקודה התחתונה בחינת יהושע. ועיין עוד בליקוטי תניינא במאמר "כי מרחמם ינהגם" סימן ז', שם מדבר גם כן משני הבחינות המבוארים כאן וקורא אותם שם בשם דרי מעלה ודרי מטה בן ותלמיד ומבואר שם שבחינת התלמיד הוא בחינת יהושע ר"ת **י'קומון ה'קיצו ו'רננו ש'וכני ע'פר**, היינו מה שצריכין לחזק הדרי מטה שוכני עפר שהם בתכלית שפלות המדריגה לבלי יתייאשו עצמן ולבלי יסוגו אחור לגמרי חס ושלום, רק ידעו כי ד' גם אתם ועמם ואצלם, ע"ש התחזקות גדול ונורא ... **ובאמת רוב שיחותיו הקדושות של הר"ר נתן ז"ל היה בענין זה לחזק את כל אחד מישראל בהתחזקות גדול נפלא ונורא מאוד לבלי יתייאש עצמו חס ושלום לגמרי רק שאיך שהוא אף על פי כן יתעורר ויתחזק מעתה על כל פנים לעבודת השם יתברך ממקום שהוא שם וכו', וכמבואר מזה נפלאות הרבה בספריו הקדושים**.

עס איז ידוע, רבי נתן אין די לעצטע יארן האט ער געדינט דעם אויבערשטן מיט אזא ברען, מיט אזא ווארעמקייט, אזוי ווי א יונגערמאן בימי נעוריו בתחילת התקרבותו. עס איז פארהאן א מאמר החכם[יז]: **"אין חוזק כתחילת החסידות!"**.

מען האט אמאל געפרעגט רבי נתן'ען אין די עלטערע יארן: 'מהיכן זכית לכך - מיט אזא ברען, די חצות'ן, די עבודות, די התמדה? האט ער געזאגט: **"ווייל איך האב אין די יונגע יארן אסאך גערעדט צו השי"ת 'בינו לבין קונו'!"**[יח] - ער האט זיך אויסגערעדט אסאך דאס הארץ פארן אויבערשטן! - קיין איין תפילה גייט נישט לאיבוד!

## המאמר האחרון שכתב מורינו רבי נתן בחייו

טאקע אין די לעצטע נעכט אליין, פאר הונדערט פופציג יאר צוריק, ווען ער איז שוין געווען בחָליו פון וואס ער איז שוין נסתלק געווארן דורך דעם, איז ער נאך אויפגעשטאנען חצות און זיך אויסגעוויינט דאס הארץ פארן אויבערשטן ביי חצות![יט]

דערנאך האט ער נאך געשריבן א חידוש אין חסידות אויף (דער משנה:) **"משקין בית השלָחין במועד"**[כ] - דאס איז געווען דער לעצטער מאמר[כא] - אז דאס גייט אויף די צדיקי הדור וואס שיינען אריין אין די פארמאטערטע צובראכענע ווייטע נשמות וואס זענען

---

**יז.** הקדמת ספר הרוקח.

**יח.** כוכבי אור - 'אנשי מוהר"ן', אות כ"ב. [עיין גם שיח שרפי קודש (ברסלב, החדש) ח"ג, אות צ"ט].

**יט.** מכתב ההסתלקות שם.

**כ.** מועד קטן ב' ע"א.

**כא.** עיין ליקוטי הלכות ראש חודש ה"ז, בסופו: אמר המסדר: מתיבת 'גם' עד כאן **וגם ענין חול המועד המובא באות נו"ן** כתב מורנו ורבינו בעל המחבר הזה **ב' ימים קודם הסתלקותו בעת חולשתו הגדול**, אף על פי כן התגבר בכל כוחותיו וכתב מה שהשיג אז, כי זאת ראינו עין בעין שמוחו היה דבוק בהתורה עד הרגע האחרונה של הסתלקותו שנסתלק ביום ו' ערב שבת קודש פרשת ויגש עשרה בטבת שנת תר"ה לפ"ק. וראינו

**ווי א 'דבר האבוד' - זיי קענען גיין לאיבוד - זיי אויפצולעבן, זיי צו מחיה זיין, זיי צוריקצוברענגען![כב]**

**דאס עיקר לעבן איז, 'קרבת אלקים'!**

**אַן אינטערסאנטע זאך טאקע, די [גמרא] זאגט, וואס הייסט 'בית השלחין'? זאגט די [גמרא]: "שדה עייפה וצמאה" - אזוי טייטשט**

---

בעינינו שקיים מאמר חז"ל 'זאת התורה אדם כי ימות' וכו' שחייב אדם לעסוק בתורה עד יום מותו. כי עוד כמעט ברגע האחרונה של הסתלקותו שמענו ממנו חידושי תורה אך לא היה בכוחו לכתוב עוד ואפילו לדבר כל מה שהיה במוחו לא היה באפשר. וכך אמר בפירוש בזה הלשון בעת שנכנסו עם הנרות שהכינו אז לכבוד שבת. וכשראה אותם נתלהב מאד ומגודל התלהבותו הורם מעט ממטתו ונשאר מושב מעט והתחיל לומר בהתלהבות נורא מאד בזה הלשון: 'נרות של שבת, נרות של שבת', ואמר זאת בהתלהבות נורא כמה וכמה פעמים וגילה לנו אז תורה נפלאה מענין הנרות דקדושה וכלל כולם בפירוש נר שבת ונר יום טוב ונרות של חנכה. וכו' וכו', ואחר כך אמר אז, יש לי עתה בזה תלי תלין של הלכות, אך אין לי כח לדבר יותר ובמעט זמן קצר לערך שעה נסתלק. מה נאמר ומה נדבר אוי לנו על שברנו נחלה מכתנו. אבל זאת נחמתנו ואשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתנו שזכינו לירש ממנו תורות וחידושים כאלה וכאלה, אשרינו. תם ונשלם שבח לאל בורא עולם בהל"ך ואע"י.

**כב.** עיין ליקוטי הלכות שם, אות נ', וז"ל: וזה מרמז המשנה 'משקין בית השלחין במועד בין ממעיין שיצא בתחילה ובין ממעיין שלא יצא מתחילה'. והכל בשביל דברים האבודים שהם בחינת האבודים והנדחים בעוונותיהם שכל תיקונם היא על ידי בחינת הצדיק שיודע להשקותם גם כן, שזהו בחינת 'משקין בית השלחין' שנקרא שלחין על שם 'ושלח מים על פני חוצות'. **זה בחינת הצדיקים הגדולים שיכולים להשקות גם אותם שהם מבחוץ לגמרי בבחינת 'יפוצו מעיינותיך חוצה'. 'חוצה' דייקא כמו שמבואר במקום אחר** (סי' י"ד ליקוטי מוהר"ן ח"א). וזהו 'בין ממעיין שיצא בתחילה בין ממעיין שלא יצא מתחילה'. היינו לא מבעיא שהם יכולים לשלח מים על פני חוצות שהם מקום הרחוקים מאד להודיעם גם כן מאלקותו יתברך ולהוציאם ממקומות החיצונים מאד. ולא מבעיא שהם יכולין להשקותם ממעיין שיצא מתחילה שכבר היה מעיין אלא שנתקלקל. ולא היו יכולים להשקות ממנו על ידי ריבוי קלקוליהם אלא אפילו ממעיין שלא יצא מתחילה. שלא היה שום מעיין החכמה יוצא משם תחילה. אבל כשיאמין בצדיקים ויעשה ככל אשר יאמרו כי הוא זה. יכולים לתקנו גם כן. כי הצדיקים חותרים וחופרים מעיינות חדשים תמיד. **ועיקר בשביל נפשות האבודים לשלח להם מים על פני חוצות אפילו אותן שהם מבחוץ לגמרי.** וזה רמז התנא הקדוש בהתחלת מסכת מועד קטן **'משקין בית השלחין' שהוא בשביל דבר האבד בין ממעיין שיצא בתחילה ובין ממעיין שלא יצא בתחילה** וכנ"ל.

אויך דער ברטנורא. די [גמרא] ברענגט אראפ דעם פסוק[כג]: "**וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ**" זאגט דער תרגום: "מְשַׁלְהֵי וְלָאֵי" - פארמאטערט. אט דאס הייסט 'עָיֵף ויגע' – 'משלהי'. דערפאר, זאגט ער, אט דאס איז דער 'בית השלחין', ווייל דער חי"ת איז זיך מתחלף מיטן ה"א[כד], דאס איז דער 'משלהי', א 'שדה צמאה', פארמאטערט.

דאס שטייט דאך ביי עמלק'ן, ביי[כה]: "**וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ**", און אויף די נפשות שטייען די צדיקי הדור און זיי שיינען אריין א הארה זיך נישט צו מייאש זיין! וואו ווייט? מיט די ווייט'סטע לשונות, פאר דעם ערגסטן בעל עבירה שאין בעל עבירה אחריו! רבי נתן דריקט זיך אויס אזעלכע לשונות אז אלע קענען מקורב ווערן צום אויבערשטן, דער בעל דבר נאַרט זיי נאר אפ אז זיי קענען נישט!

עס איז א פלא'דיגע זאך, אט דאס איז געווען דער אויספיר און דער לעצטער מאמר וואס רבי נתן האט געשריבן!

## "חנו"ן המרב"ה לסלו"ח!"

טאקע אין די לעצטע פאר מינוט וואס מען האט זיך צוגעקוקט ביי רבי נתנ'ען ווי 'רחושי מרחשן שפוותיה', האט ער ארויסגערעדט אזעלכע משפטים, [נישט אלעס פארשטייט מען], ער האט געזאגט: "ברוך אתה בקודש!" - און נאך אזעלכע דיבורים[כו].

---

**כג.** דברים כה, יח.

**כד.** עיין רש"י שם.

**כה.** דברים שם.

**כו.** עיין מכתב ההסתלקות [הנדפס בסוף ספר עלים לתרופה], ושם באמצע התיאור: ואחר כך לא דיבר עמנו יותר, רק שמענו שאמר "יברכך", ו"ברכת המפיל", ו"**חנון המרבה לסלוח**", ו"מקדש השבת", ו"ברוך אתה בקודש", "אחד". והענין הנ"ל היה ערך אחד שעה וחצי, והסתלקותו היה ממש בנשיקה תיכף אחר הדלקת נר של שבת־קודש.

אבער איינס פון די דיבורים איז געווען: "**חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ!**". וואס הייסט "המרבה לסלוח"? דאס איז דאך א געוואלדיגע חיזוק, מען מאכט דאך א ברכה אלע טאג 'בשם ומלכות' - נישט 'ברוך אתה ה' סולח ומוחל', אדער 'סולח', נאר '**המרבה** לסלוח' - די אנשי כנסת הגדולה האבן דאס מתקן געווען! אט די דיבורים זענען געווען זיינע איינציגע פאר לעצטע דיבורים אפאר מינוט פאר דער הסתלקות, צו אין דער לעצטער מינוט פאר דער הסתלקות - "חנון המרבה לסלוח!".

"חנון המרבה לסלוח" איז בגימטריא 'פינעף הונדערט', דאס איז טאקע דער גימטריא פון רבי נתן'ס נאמען אליין! - רבי אברהם ר' נחמן'ס זאגט דאס[כז]. ער האט ארויסגערעדט א דיבור וואס איז בגימטריא זיין נאמען, ווייל אט דאס איז געווען איינע פון זיינע הארות וואס ער האט אריינגעשיינט אויף דער וועלט![כח]

## די עצה בעיקבתא דמשיחא: "האספו"

מען האט טאקע גערעדט פריער דעם ענין וואס ר' אפרים נחמן [אנשין] האט אנגעהויבן, פון "האספו ואגידה לכם", אז דאס איז די עצה, זיך צוזאם קלייבן[כט]. דער טאג איז טאקע געוואלדיג מסוגל

**כז.** עיין כוכבי אור, חלק 'חכמה ובינה' אות ל"ט: **וכאשר נראה ונודע לכל מביט ומסתכל בספריו הקדושים, שאף על פי שמרבה לדבר מכל המידות טובות וישרות, אבל עיקר ורוב דבריו יסובבו על ענין התחזקות לחזק ולאמץ כל הנחשלים והעייפים והיגעים, אשר עמלק רודף אחריהם, לבל יתיאשו עצמם מן הרחמים, כי הוא יתברך חנון ורב לסלוח. וכאשר נשמע ונראה גם בעת יציאת נשמתו הקדושה שעד נשימה האחרונה כפל ושילש "חנון המרבה לסלוח" פעמים אין מספר**, והמגיד מראשית אחרית סיבב גם אליו קריאת השם בסודות נשגבות ועצומות, **ועל כן בעניות דעתי חשבתי גם שמו הקדוש ז"ל וראיתי כי הוא במספר "חנון המרבה לסלוח"!**.

**כח.** עיין לדוגמא בליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות מ"ב, בא"ד, וזל"ש: **'ואל אלקינו כי ירבה לסלוח'**. וזה הדבר אי אפשר לגלות בפירוש עד היכן רחמיו **וריבוי** סליחתו מגיע, רק כל אחד צריך להבין מעצמו שיחוס על עצמו תמיד ואל יתיאש עצמו מן הרחמים, וכו' עיין עוד שם.

**כט.** עיין ליקוטי הלכות הל' תענית ה"ד, אות י"ג: וזה: **ויקרא יעקב לבניו ויאמר האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים** ... ועל כן אפילו יעקב אבינו כשרצה

צו מאכן א התחלה - זיך צוזאם צוקלייבן, זיך מאסף זיין, זיך מחזק זיין אין אמונה און אין קדושה, אין עבודת ה', זיך אליין מחזק זיין, און אנדערע מחזק זיין[ל].

## "עַד מָתַי קֵץ הַפְּלָאוֹת?!"

איי וואספארא מין חיזוק מען דארף היינט האבן. רבי נתן ברענגט אראפ (דעם מדרש) אין ליקוטי הלכות[לא]; עס איז דא די פיר מלכיות,

---

לגלות הקץ, היינו שרצה לגלות העצות העמוקות מאד שעל ידם יבוא הקץ, אזי נסתלק הימנו שכינה, כי אי אפשר לגלותם בפרט אז שהיה עדיין קודם התחלת הגלות הראשון וקודם קבלת התורה שמשם עיקר המשכת העצות עמוקות כנ"ל. ועל כן אמר: "הקבצו ושמעו בני יעקב", 'הקבצו' דייקא, **שגילה להם שעיקר יסוד תיקון העצה הוא בחינת הקבצו, היינו שיהיה אחדות ואהבה ושלום בין ישראל שיתקבצו יחד לדבר זה עם זה מהתכלית האחרון** ועל ידי זה יזכו לשלמות העצה, כי ישראל ואורייתא כולא חד כפי השלום והאחדות שבין ישראל, כמו כן נתאחד העצה יחד שהוא בחינת התורה שנקראת עצה כנ"ל.

**ל.** עיין חיי מוהר"ן אות רי"ח: באומין קודם ראש השנה האחרון היה מספר (רביז"ל) עם אנשים שלו מענין הסתלקותו, שכבר הוא אצלו שלש שנים אחר הסתלקותו כי מעת שבא עליו החולאת הוא נחשב בעיניו שכבר נסתלק מן העולם, ואמר שאינו יודע באיזה זכות הוא חי בנס כל שלש שנים אלו וכו' **אז ספרו אנשיו עמו והיו מתאנחים מאד כי מה נעשה ועל מי יעזוב אותנו**. והשיב: **רק אתם תחזיקו עצמכם ביחד, אז תהיו אנשים כשרים. ולא כשרים בלבד אלא אפילו צדיקים וטובים תהיו. כי השם יתברך יעזור לי בודאי שיהיה כרצוני כאשר רציתי מכבר, כי בעזרת השם גמרתי ואגמור כרצוני בודאי** [בעזרת השם, **איך האב אויס גיפירט און וועל אויס פירן**]. ואמר **שכל מי שייגע ויתחבר לאחד מאנשי שלומנו בודאי יהיה איש כשר באמת, ולא איש כשר בלבד אלא אפילו צדיק גמור כמו שאני רוצה.**

**לא.** עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה, אות ל"ב, וזל"ק שם: **ועל כן עכשיו בסוף הגלות שאז מתגבר הבעל דבר ביותר**, שהוא בחינת זוהמת הנחש, בחינת קלפת המן עמלק, שזהו בחינת חבלי משיח, שהם בחינת חבלי לידה ממש כנ"ל, בחינת קשוי הולדה כנ"ל, **כי עכשיו החבלי לידה וקשוי הולדה כבדים הרבה יותר מאד מקשוי הולדה של גאולת מצרים, מחמת שעכשיו תהיה הגאולה אחרונה, שהיא גאולה שלימה שאין אחריה גלות עוד**, שאז יתבטל לגמרי זוהמת הנחש ממש וכל ישראל ישובו אל ה' באמת לעולם. עד שנזכה לתחית המתים, שאז יהיה חידוש העולם. ואז יתקיים (ישעיה כ"ה), "בלע המות לנצח וכו'". ואז נחיה חיים ארכים, חיים נצחיים הנ"ל, שהם בחינת תפלין, בחינת עץ החיים כנ"ל. **ומחמת**

"תוהו" "ובוהו" "וחושך" "ותהום"[לב]. די (היינטיגע) מלכות רופט זיך 'תהום'. דאס ערשטע גלות וויבאלד עס איז געוועז מיט א זמן, "**וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה**"[לג], איז די גאולה אויך געוועז מיט א זמן; דער צווייטער גלות איז געוועז 'שבעים שנה', עס איז געוועז מיט א זמן, איז די גאולה אויך געוועז מיט א זמן. ערשט דארף אבער קומען א גאולה נצחי פאר 'כל הבריאה כולה' - א גאולה נצחיית 'לעולמי עד ולנצח נצחים' פון התגלות מלכותו, פון "**כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה'**"[לד], דערפאר קוקט פריער אויס דער גלות, די ירידה, אזוי ווי דער עליה, עס קוקט אויס אז ער איז 'נצחי' רחמנא ליצלן! ער קוקט אויס ווי א תהום![לה] ווער ווייסט מיט וויפיל יאוש דער בעל דבר

---

**שרואה שקרוב לבא קצו וסופו, על כן מתגבר מאד מאד ביותר כנ"ל. ועיקר התגברותו הוא שרוצה להפיל את ישראל ח"ו, לידי זקנה ותשות כח ח"ו, כאילו כבר ח"ו נזקנו בהגלות זה זמן רב כל כך כמה וכמה מאות שנים עד שח"ו אפס תקוה ח"ו, וכן הוא מפיל את כל אחד בפרטיות לבחינת זקנה כנ"ל. כאילו כבר נזקן, ח"ו, במעשיו עד שאי אפשר לו לשוב, שעיקר הגאולה תלויה בזה.**

**לב.** עיין מדרש רבה פר' בראשית ב, ד: 'והארץ היתה תוהו' - זה גלות בבל, שנאמר (ירמיה ד) 'ראיתי את הארץ והנה תוהו'. 'ובוהו' - זה גלות מדי, (אסתר ו) 'ויבהילו להביא את המן'. 'וחושך' - זה גלות יון שהחשיכה עיניהם של ישראל בגזירותיהן, שהיתה אומרת להם כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל. **'על פני תהום' - זה גלות ממלכת הרשעה שאין להם חקר כמו התהום**, מה התהום הזה אין לו חקר אף הרשעים כן. 'ורוח אלקים מרחפת - זה רוחו של מלך המשיח, היאך מה דאת אמר (ישעיה יא) 'ונחה עליו רוח ה''. באיזו זכות ממשמשת ובאה המרחפת על פני המים, בזכות התשובה שנמשלה כמים, שנאמר (איכה ב) שפכי כמים לבך.

**לג.** בראשית טו, יג.

**לד.** ישעי' יא, ט.

**לה.** עיין ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד, אות י"ז: וכל הגליות הראשונות היו מבחינת הקליפות הנאחזין במ"ט שערי טומאה שיש להם מספר וקץ, על כן היה קץ וזמן לכל הגליות, **אבל זה הגלות האחרון נסתם קצו והוא קץ הפלאות, כי מתגבר חס ושלום השקר שנאחז מבחינת שער החמשים שהוא כמעט בלי גבול, שזהו בחינת קליפת עמלק** ... ועל כן יעקב כשראה מלאכי אלקים עולים ויורדים בסולם, אז ראה כל המלכיות המשתעבדים בישראל עולים ויורדים, **אבל מלכות אדום, שהוא הגלות הזה, ראה עולה ולא יורד** (כמו שנאמר במדרש), כי אפילו יעקב שהוא עצם האמת לא היה יכל לעמוד על הדבר

פאנגט נפשות פון דעם תהום אז מען זאל זיך דא דערהאלטן?!... (-פארבלייבן ח"ו).

## "וְלֹא נָסוֹג מִמֶּךָּ"

היינט איז א געוואלדיגער טאג זיך צו באנייען אין דער זאך, זיך אליין מחזק זיין, זיך דערהאלטן אז מיר זאלן זיין "**וְלֹא נָסוֹג מִמֶּךָּ, תְּחַיֵּינוּ, וּבְשִׁמְךָ נִקְרָא!**"[לו].

'ולא נסוג'! 'ולא נסוג'!

'ולא נסוג' - אין דער תכלית ההעלמה!

'ולא נסוג' - אין דער תכלית ההסתרה!

'ולא נסוג ממך'!

"תחיינו" - דאס איז די אמונה הקדושה – "**וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה"!**[לז]. דער רבי זאגט[לח]: "**דורך אמונה איז 'חיוו חיים'!**".

"ובשמך נקרא" - עוסק זיין אין תורה, עוסק זיין אין תפילה. תורה רופט זיך "ובשמך נקרא". דער רבי זאגט[לט], די תורה איז דאך 'שמותיו של הקדוש ברוך הוא'; קומט אויס, מיט דעם וואס א מענטש

---

איך יהיה אפשר לצאת מזה הגלות לבטל ריבוי השקר והרמאות וכו' המתפשט עכשיו, עד שה' יתברך הבטיחו: "והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך, כי לא אעזבך", **שמרמז על הקץ האחרון שה' יתברך לא יעזוב אותנו לעולם**. כמו שכתוב: "כי לא יטוש ה' עמו וכו'". **והבן הדברים היטב, אם תרצה**. גם עיין כוכבי אור - ראשי פרקים מליקו"מ סי' ח', וז"ל: **כפי הזמן לאין תכלית באורך הגאולה שאנו מחכים אליה, אין להתפלא על רוב הערב וחושך הגלות נתקדם לזה. כי עלכלפנים לעיני בני אדם מוכרח** (זה לעמת זה) **שיהיה גם החושך הקודם לזה נחשב נדמה לאין תכלית**.

**לו.** תהלים פ, יט. [ופירש"י שם: 'ולא נסוג ממך' - ואל תגרום לנו להיות נסוגים ממך. 'תחיינו' - מן הגלות ונזכיר טובתך וגבורתך ואז 'נקרא בשמך'].

**לז.** חבקוק ב, ד.

**לח.** עיין שיחות הר"ן אותיות ל"ב, נ"ג, ק"ב.

**לט.** ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ו, אות ג', עיין שם באריכות.

לערנט, רופט ער דעם אויבערשטן. אט דאס איז דער 'תחיינו ובשמך נקרא'. אט דאס הייסט 'הקורא בתורה', ווייל אז מען איז 'קורא בתורה' - רופט מען דעם אויבערשטן, ווייל די תורה איז 'שמותיו של הקדוש ברוך הוא'. און אויך בפשטות, "ובשמך נקרא" - תפילות צו ה' יתברך!

## תכלית הגילוי שנתגלה מתוך תכלית ההסתרה דייקא!

אט דאס איז א געוואלדיגע הזדמנות צו מאכן א התחלה אויף צו זיך מאַסף זיין, דאס איז געווען איינס פון די יסודות פון דעם בעל שם טוב - זיך צוזאמענקומען, זיך מחזק זיין, רעדן פון אמונה, רעדן פון עבודה, רעדן פון זיך דערהאלטן, זיך 'מחזיק מעמד' זיין!

יעדער דור האט זיך זיינע תיקונים פון דער שכינה הקדושה. אונזער תיקון איז - זיך דערהאלטן! נישט פאלן! ממליך זיין דעם אויבערשטן בתכלית ההסתרה! נאר מיט דעם וועט דער אויבערשטער ווערן מגולה בתכלית הגילוי - נאר בכח וואס מען איז ממליך דעם אויבערשטן בתכלית ההסתרה![מ]

## זיך נאר דערמאנט אין די "זיבן און צוואנציג" קדושים...

נאך א נקודה, וואס דאס איז טאקע מעניינא דיומא, וואס רבי נתן האט עוסק געווען אין דעם, דאס איז דער ענין פון בנין. מען זעט אז רבי נתן האט אויפגעבויעט דעם רבי'נס הארה אז עס איז מקויים געווארן וואס דער רבי האט געזאגט[מא]: **"מיין ליכט וועט טלוען ביז**

**מ.** עיין ליקוטי הלכות הל' גביית חוב מהיתומים ה"ג, אות ט"ו: ועיקר תוקף ואריכות גלותנו הוא רק בשביל זה כדי שנבקש ונחפש איה מקום כבודו, כי **אנו צריכין עכשיו לעלות לעליה גדולה לזכות לגאולה האחרונה שאז יעלו ישראל בתכלית העליה, על כן התגבר הגלות מאד באריכות גדול עד אשר כל אחד שואל איה הבטחתו ועד מתי קץ הפלאות**. ועל ידי שנזכה לחפש ולבקש את כבודו היטב, נזכה **לתכלית העליה** שהוא בחינת איה **שאז תהיה הגאולה שלימה**.

**מא.** חיי מוהר"ן אות ש"ו.

**משיח וועט קומען!**". רבי נתן האט דאס אויפגעבויעט 'בפועל' ממש; אזויווי ער האט אויפגעבויעט דעם רוחניות'דיגן בנין, אזוי האט ער געבויעט דעם גשמיות'דיגן בנין אין אומאן. דארט איז דאך געווען א פלאץ פאר צענדליגע יארן פון געוואלדיגע עבודות, פון די גרעסטע פאבריקן אין אידישקייט! אַה - וואס עס האט זיך אפגעטון אין די צענדליגע יארן וואס רבי נתן'ס קלויז איז געשטאנען.

רבי לוי יצחק[מב] האט מיר געזאגט, אז ער פלעגט זיך נאר דערמאנען אין זכרון פון די אלע וועמען די קאמוניסטן האבן פארשיקט קיין סיביר - ער האט זיך אויסגערעכנט אין מח "זיבן-און-צוואנציג" אזעלכע תכשיטים, אזעלכע צדיקי עולם! - זאגט ער, 'עס פלעגט אים רייסן דאס הארץ ווען ער פלעגט זיך דאס דערמאנען!' ער האט געזאגט, 'מען האט גענומען זיבן און צוואנציג - אזעלכע עובדים, אזעלכע עובדי ה'!' - איי וואס דער חושך האט גורם געווען...

ערשט אז דער אויבערשטער האט געהאלפן אז מען בויעט צוריק אויף דעם בנין, דארפן מיר זיך מחדש זיין און אויפבויען אויף צוריק אט דעם בנין 'ברוחניות' און 'בגשמיות' - מען בויעט צוריק אט דעם בנין! איר זאלט וויסן - 'רבותי', מען שטייט ערשט ממש אויף א מצב פון א פרוטה, מען דארף זיך רירן מיט דעם בנין, מען האט שוין אויפגעבויעט א גרויסן בנין, און מען דארף אים מרחיב זיין, מען שטייט ערשט אבער אָן קיין פרוטה!

א חוץ די מניעות העצומות וואס איז דא פון אלע זייטן, וואס ביז מען האט געבראכן ווענט אז מען האט געקענט צוגיין צו דער זאך - דארטן איז דאך דא אין יעדער זאך אזויפיל שוועריקייטן אָן א שיעור - א חוץ דעם איז מען נאך מחליש דעת... מען דארף וויסן, אלע דארפן זיך נעמען אנטקעגן אט די וואס זיי זענען מחליש דעת! א מענטש וואס האט זיך מוסר נפש געווען און בויעט, גייט מען און

---

**מב.** ה"ה **הגה"ח רבי לוי יצחק** ב"ר אברהם נח **בענדער ז"ל**, עיין תולדותיו בספר 'דורשי יחודך' יסודי היהדות ח"א מאמר א' ס"ק כ"א.

מען טוט אים מחליש דעת זיין?! מען דארף זען צו צוהעלפן 'ברצון בדיבור ובממון', ער שטייט ערשט אָן א פרוטה, מען דארף זיך א ריר געבן, איז נישט נאר דאס - איז נאך דא אזופיל מחלישי הדעת... - דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן.

## ארויסגעזויגן די גיפט מיטן מויל...

מיין טאטע ע"ה[מג] האט מיר דערציילט, דער איד וואס האט געבויעט "מאה שערים". מאה שערים איז דאך ברוך ה' געווארן דער מבצר אנטקעגן אלע חילונים, אנטקעגן די ציונים, אנטקעגן די מחבלי כרמים בכרם ה' צבאות. דאס אז עס איז געבליבן ירושלים עיר הקודש, דאס איז דאך בזכות פון "מאה שערים". איז אט דער איד וואס האט געבויעט מאה שערים האט געהאט אזויפיל רדיפות, אזויפיל חלישות הדעת, מען האט אים געזאגט, 'דו נעמסט ירושה געלט און דו באגראבסט עס, דו מאכסט אומגליקליך מענטשן!' - איי וואס מען האט אים געזידלט...

דעמאלטס איז דאך נאר די אלט-שטאט געווען ארומגענומען (בחומות). פון אלט שטאט ביז מאה שערים איז געווען א מדבר שממה.

מיר האט דערציילט אַן אלטער איד, אז מען פלעגט גיין פון מאה שערים צום אלט שטאט און צוריק צו מאה שערים - פלעגט מען גיין מיט א שיָירה, ווייל עס איז געווען שודדים (- רויבער) אויפן וועג... מען האט געבויעט מאה שערים מיט טויערן, און ביינאכט זענען געשטאנען שומרים - טאמער עס קומען שודדים אינמיטן נאכט...

אין דער ערשטער נאכט וואס מען האט זיך אריינגעזעצט אין מאה שערים האט איינער געכאפט א ביס פון אַן עקרב, איז געגאנגען אט דער - "ר' זלמן ר' נחומ'טשעס"[מד] דאכט זיך האט ער געהייסן, און

---

**מג.** ה"ה **הרה"ח רבי דוד** ב"ר יעקב גדלי' **שכטער ז"ל**, עיין תולדותיו בספר 'דורשי יחודך' יסודי היהדות ח"א מאמר י"ב ס"ק נ"ח.

**מד.** ה"ה **הרה"ג ר' שלמה זלמן** (בהר"ן) במוהר"ר נחום **לעווי ז"ל** (בהר"ן ר"ת בן הרב ר' נחום).

איז צוגעגאנגען און האט דאס אים ארויסשלעפט - מיט דעם מויל האט ער דאס אים ארויסגעשלעפט... (- אויסגעזויגן די גיפט...).

און אט זעט וואס "מאה שערים" האט אויפגעטון אין ירושלים עיר הקודש...

## אנשטאט א צווייטע 'מאה שערים' - ארויפגעצויגן א גרויסן קלויסטער רח"ל

איז אט דער איד וואס האט געבויעט מאה שערים, האט אפגעקויפט אויך דעם רוסישן פלאץ[מה] (- מגרש הרוסים), און ער האט שוין געגעבן די איינגאבע געלט, איז געקומען צו אים א איד און האט אים אנגעזידלט פון קאפ ביז פיס! - איך זאג אייך - עס איז געווען 'לשם שמים'... - יענער האט אים אזויפיל מחליש דעת געווען אז ער איז געגאנגען און ער האט אפגעגעבן די איינגאבע געלט, און דער מוכר האט עס פארקויפט פאר א גוי, וואס דער גוי איז דערנאך אראפגעפארן אין רוסלאנד און דאס פארקויפט דארט פאר די נוצרישע טומאות...

איר זעט וואס דער מחליש דעת האט געמאכט?! נישט צו גלייבן! דארט וואלט געקענט אריינגיין - אכט מאה שערים'ס וואלט דארט געקענט אריינגיין - פון 'מאה שערים' ביז דער 'יפו' גאס! זעט וואס א איד וואס האט געמיינט לשם שמים האט אים אנגעמאכט...

---

נולד בשנת תקצ"ו בפוילן. עלה לארץ ישראל בבחרותו עם אביו הרה"ג ר' נחום ז"ל. ר' שלמה זלמן פעל הרבה למען הישוב הישן של החרדים בירושלים עיה"ק, הן בגשמי - כשהיה מראשי העסקנים להקים שכונות הראשונות והחדשות מחוץ לחומות עיר העתיקה, מהם שכונת מאה שערים ועוד, והן ברוחני - בלקחו חלק גדול בפעולות ובמערכות נגד השלטון שרצה להתערב באותם הימים בעניני החינוך הטהור בירושלים - וגם נעצר משום כך ע"י הממשלה. היה מסתופף בצל קדשו של השרף מבריסק - הגאון מורינו ר' יהושע לייב דיסקין זצוק"ל, והיה נחשב מאנשי סודו ולאחד מתלמידיו הבולטים ולימים אף שימש כדיין בבית דינו. נסתלק לעולמו כ"ה אדר-א' שנת תר"ע.

**מה.** שטח גדול העומד בין שכונת מאה שערים לשער יפו.

מחליש דעת זיין א בונה?!

מחליש דעת זיין א בונה?!

מען דארף א בונה מכבד זיין, האבן הארת פנים, נישט מחליש דעת זיין!

מען האט געוויזן מלמעלה, אנשטאט צו זיין א צווייטע מאה שערים, איז געווארן גרויסע קלויסטערס, מיט א "מקום המשפט שָׁמה הרשע"[מו] - וואס דארטן טוט זיך...

דאס איז א געוואלדיגער לימוד צו מחזק זיין די בונים! די קדושה בויעט, נישט עס איז הורס!

## אונטער א שלייער פון מצוות

מען זעט, דער רבי זאגט אין דער ערשטער תורה אין ליקוטי מוהר"ן[מז]: **"הַאי גַּלָּא דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא מִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא"**[מח]. "האי גלא" - עס איז דא א כוואליע, וואס דער כוואליע איז דער יצר הרע, "דמטבע לספינתא" - ער וויל דערטרינקען דער שיף. יעדער איד איז א חשוב'ע זאך, יעדע איד איז חשוב, יעדע קירבת אלקים איז חשוב. און ער וויל עס דערטרינקען. וואס טוט ער? "מתחזי כי צוציתא דנורא חוורתא

**מו.** ע"פ קהלת ג, טז.

**מז.** סי' א' בסופו, וזל"ק של רביז"ל שם (ע"פ פי' הרשב"ם שם, עיין שם): 'גלא' - הוא היצר הרע. 'דמטבע לספינתא' - הוא החן והחשיבות, לשון ספון וחשוב, כי היצר הרע רוצה להטביע ולהשפיל, חס ושלום, בחינת החן והחשיבות של ישראל, בחינת מלכות דקדושה. 'ומתחזי כי צוציתא דנורא חורתא ברישא', **כי מתחילה היצר הרע מתלבש עצמו במצוות ומטעה את האדם כאילו מסיתו לעשות מצוה**. וזהו בחינת 'צוציתא דנורא חוורתא' - 'אש לבנה', אף על פי כן 'מלאך מזיק הוא'.

**מח.** ממאמרי רבה בר בר חנה בגמ' בבא בתרא דף עג ע"א.

ברישא" - ער איז עס מלביש אין א מצוה - מיט דעם איז ער "מטבַּע לספינתא" [מט].

דאס איז א געוואלדיגער לימוד וואס אלע דארפן דאס וויסן - נישט לאזן מחליש דעת זיין די בונים!

### פארוואס איז ער פריער נישט געקומען?!

איך האב אמאל געזען אַן אינטערסאנטע זאך, א מעשה; עס איז געווען אמאל איינע פון די צדיקי הדור וואס ער האט געהאט אסאך געלט, איז אייינער א איד געקומען צו אים און האט אים פארציילט אז זיין מצב הכלכלה איז אזוי ביטער אז ער מוז האבן א געוואלדיגע סומע געלט אז ער זאל זיך קענען געבן א הייב אויף.

דער צדיק איז 'נכמרו רחמיו' און ער האט אפגעשטימט אז ער גיט אים אוועק דעם סכום. נאכדעם וואס ער האט אפגעשטימט אז ער גיט אים אוועק דעם סכום, פאלט אים איין, 'אזא גרויסע סכום אוועקצוגעבן נאר פאר איין מענטש? עס איז דאך דא אזויפיל נצרכים, אזויפיל זאכן, ווי אזוי גיט מען אזא גרויסע סכום נאר פאר איין מענטשן?! ער האט נישט געוואוסט וואס מען טוט דא - 'וואס

---

**מט.** עיין מה שכתוב על זה בליקוטי הלכות הל' יין נסך ה"ד, אות ט"ו, וזל"ש: **אבל אין לך דבר שהבעל דבר יוכל להטעות את האדם ולהפך עבירות למצוות כמו בענין מחלוקת**, שם שם מרקד הבעל דבר, כי בענין זה יכול בקל להתלבש עצמו במצוות ולהפך עוונות הגדולים בתורה למצוות גדולות, כי מסית את האדם על חבירו שמצוה גדולה להדפו ולרדפו, כי הלא עשה כך וכך וכו' כמצוי ענין זה הרבה בעולם, כי זה ידוע שאין אדם שאין בו איזה חסרונות או איזה מידה רעה, אבל אנו מצווים לבלי להסתכל על הרע שבישראל כי אם על הטוב ולדון את כל אדם לכף זכות כמו שהזהירו רז"ל בכמה מקומות, אבל על ידי תאות הנצחון והמחלוקת מתגבר ה'קץ כל בשר' שהוא אורב לעין ולהסתכל רק על הרע, לחפש ולחקור ולמצוא איזה רע בכל אחד ובפרט בהכשרים החפצים באמת לאמיתו שעליהם מגרה ביותר את החולקים לעין בהם בעין רעה, למצא בהם חסרונות הרבה ולבדות עליהם שקרים וכזבים בלי שיעור עד שנעשה אצלם שפיכות דמים למצוה גדולה **עד שמתירין דמם, ושופכים דמם כמים בבזיונות וחרפות ובושות הרבה ומלבינים פניהם ברבים** עד שמתירין דמם ממש.

טוט מען דא?' - דא האט ער דאך אפגעשטימט אין מחשבה אז ער וועט געבן צו ראטעווען א אידן - מען דארף דאך שטעלן א איד מיט צען קינדער אויף די פיס, און דא קומט צו אים א מחשבה - 'דו קענסט נעמען אזא גרויסע סומע און עס אויסטיילן (צווישן אזויפיל נצרכים').

האט ער געטראכט אזוי; אט די צווייטע מחשבה, ווער האט עס געבראכט - דער יצר טוב צו דער יצר הרע? אויב עס וואלט געווען דער יצר טוב, פארוואס איז מיר פריער נישט איינגעפאלן צו נעמען אזא סכום און דאס צעטיילן פאר אידן? פארוואס איז ער נישט געקומען פריער? פארוואס איז ער געקומען יעצט געבן א צוברעך בשעת איך וויל יענעם גיבן - דארט איז ער געקומען - אט דאס איז א סימן אז עס איז סטרא אחרא, נישט קיין קדושה!

**קדושה בויעט - נישט עס איז הורס!**

## "אל תקרי 'בָּנָיִךְ' אלא 'בּוֹנָיִךְ'"

רבותי, אלע זאלן מחזק זיין דעם בויער און די אלע בונים וואס זיי בויען אין אומאן. און אויך 'בממון' - מען זאל דא ממלא זיין ערשט די הוראת קבע. און אויך משקיט זיין די מחלישי דעה אויף אים און אויף די אלע בויערס.

רבי נתן שרייבט אליין אויף דעם בנין וואס ער האט געבויעט אין אומאן[נ]: **"ומאליו יבין גודל זכות שיהיה לו כשיהיה לו חלק ביסוד של בנין קדוש ונורא כזה, וכל מה שיגדל חלקו - יגדל שכרו לנצח, גם יוכל לזכות על ידי זה לבנין עולם עדי עד - שהוא זרע של קיימא, השם יתברך יפקדהו ברחמיו מהרה!"** - טאקע אזוי ווי דער רָב האט פריער דערמאנט - ממש א רוח הקודש!

על כל פנים, 'חזקו ואמצו' צו מחזק זיין די בונים אויפצובויען אומאן, אויפצובויען דעם רוחניות'דיגן בנין, וועט דער אויבערשטער

**נ.** עלים לתרופה - מכתב מיום א' כי תצא תקצ"א.

העלפן אז ער וועט אונז אויפבויען אז יעדער איינער זאל אויפגעבויעט ווערן אליין מיט א בנין, ווייל אט דאס איז א 'בן'. עס שטייט[נא]: "אל תקרי 'בָּנָיִךְ' אלא 'בּוֹנָיִךְ'". א 'בן' וואס בויעט איז א 'בן'; מיר דארפן זיין אזעלכע 'בָּנים' וואס זענען 'בּוֹנים'!

דער אויבערשטער זאל אונז אויפבויען, און אויפבויען ציון, אויפבויען ירושלים, בפרט אויפבויען דעם בנין בית הבחירה בחיי רבינו מורינו מרן הגאב"ד שליט"א, בימינו בקרוב, מיט פרייליכע הערצער, בעזר ה' יתברך.

**נא.** ברכות סד.

# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד אנשי שלומינו החשובים, העוסקים בתורה בעבודה ובגמילות
חסדים, שהשתתפו בעין טובה וברוח נדיבה

ה"ה

מוה"ר מנחם דוד לאנדא הי"ו
לרגל הולדות נכדו אצל חתנו
מוה"ר יואל שלמה זלמן קליין הי"ו

מוה"ר צבי יוסף (ב"ר נתן) פריעדמאן הי"ו
לרגל הולדת בנו למעז"ט ובשעטו"מ

מוה"ר צבי יוסף פריעדמאן הי"ו
לרגל הולדות בתו למעז"ט ובשעטו"מ

מוה"ר אלי' פעדער הי"ו
לרגל הולדות בתו למעז"ט בשעטו"מ

ויה"ר שמשמחות אלו יושפעו לנו ולכל ישראל כל השפעות טובות ברוחניות
ובגשמיות, אך טוב וחסד ירדפנו כל ימי חיינו, בביאת משיח צדקינו בב"א

# לזכרון עולם בהיכל ה'

נשמת גאון עוזינו, צדיק יסוד עולם
**הרה"ק מורינו רבי נתן ב"ר נפתלי הירץ זצוק"ל מברסלב**
נסתלק לחי' עולם ביום עשרה בטבת שנת תר"ה לפ"ק

זכותו הגדול תגן עלינו ועל כל ישראל אמן

הונצח ע"י
אבריכי אנ"ש מתפללי בית מדרשינו הגדול 'אברכים' בעיר
וויליאמסבורג

# חזק ואחוז עצמך

רבי נתן'ס דיבורים איז געזאגט געווארן פאר יעדן איד וואס איז געשטאנען ביים בארג סיני.

פאר דעם קטן שבקטנים און פאר דעם גדול שבגדולים.

דיבורים וואס איז מחיה די אידישע נשמה און וועקט איר אויף צו אדורכגיין די לעבן ווי עס דארף צו זיין.

**ווער קען זאגן אז ער האט געזאגט ליקוטי תפילות און עס האט נישט געווירקט אויף אים?!**

**עס איז נישטא אזא איינער!**

(דברות קודש בסעודת הילולת מוהרנ"ת זצוק"ל באחד מהשנים)